WE ARE YOUR DOL

NEW YORK STATE OF OPPORTUNITY. | Department of Labor

## מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג (Multi-Factor Authentication, MFA) אנהויב אנווייזונגען

ניו יארק סטעיט האט אנגעהויבן נוצן מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג (MFA) אויף עטליכע פון אירע פאבליק-סערווירנדע אפליקאציעס. MFA איז א וועג צו פארזיכערן די זיכערהייט און פארלעסליכקייט פון אייער אקאונט. עס פאדערט א צווייטע פאקטאר פון אויפווייזן אז איר זענט ווער איר זאגט אז איר זענט אויסער בלויז א פאסווארד. אויב איר נוצט א MFA-באשיצטע אפליקאציע, אפילו אויב איינער וואלט צוגעטראפן אדער גע'גנב'עט אייער פאסווארד, וואלטן זיי נאכאלץ נישט געקענט באקומען צוטריט אן אייער צווייטע פאקטאר. אין צייט וואס א פאסווארד איז עפעס וואס איר ווייסט, איז די צווייטע פאקטאר עפעס וואס איר זענט (געווענליך געליינט דורך א ביאמעטישע דעווייס) אדער עפעס וואס איר פארמאגט.

**עצה:** עס איז רעקאמענדירט אז איר זאלט אויפשטעלן מער ווי איין מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג מיטל.

**עצה:** אויב איר שטעלט אויף א מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג מיטל וואס נוצט א סעלפאון עפפ (Okta Verify אדער Google Authenticator), דאן דאונלאוד'ט די עפפ איידער איר דרוקט אויף די קנעפל עס אויפצושטעלן (Setup) אויף די "Set up multifactor authentication" (אויפשטעלן מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג) בראוזער בלאט. די צוויי מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג מיטלען וועלכע נוצן עפפס זענען Okta Verify און Google Authenticator. צו דאונלאוד'ען אייער עפפ יעצט, [דרוקט דא פאר Android](#)און [דא פאר Apple דעווייסעס](#).

**באמערקונג: אלע סקרינשאטס זענען פון א קאמפיוטער סקרין אויסער אויב עס האט א סימן פון א סעלפאון.**

**אינדעקס**


**[אויפשטעלן Google Authenticator מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג](#)**

**[דאונלאוד'ען די Google Authenticator פאר Android](#)**

**[דאונלאוד'ען די Google Authenticator פאר Apple דעווייס](#)**

**[נוצן די Google Authenticator עפפ](#)**

**[אנווייזונגען אויף וויאזוי צו אריינלייגן אן אויפשטעל קנעפל (Setup Key)](#)**

**[אנווייזונגען פאר סקענ'ען א QR קאוד](#)**

**[מעגליכע גרייז מעסעדזשעס](#)**

**אויפשטעלן Google Authenticator מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג**

אויב איר זענט נאכנישט איינגעשריבן אין MFA, וועט מען אייך ציינן זיך איינצושרייבן נאך איר לאג'ט אריין אין לעיבאר אנליין סערוויסעס און דרוקט אויף די "Unemployment Services" (ארבעטסלאזיגקייט סערוויסעס) אפליקאציע קנעפל.



אויף אייער קאמפיוטער סקרין, וועט איר זען א סקרין וואס בעט אייך צו אויפשטעלן אייער מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג.

1. אויף אייער סמארטפאון, דאונלאוד'ט די Google Authenticator עפפ.
2. אויף אייער קאמפיוטער סקרין, דרוקט Setup אונטער Google Authenticator צו אנהויבן די אויפשטעל פראצעס.



3. א נייע סקרין וועט זיך עפענען אויף אייער קאמפיוטער. וועלט אויס אדער iPhone אדער Android וועלנדיג אין אייער דעוויס. אויב איר האט א Apple טאבלעט, וועלט אויס iPhone.

**אויב איר האט א Android, וועט איר זען דאס:**




מען וועט אייך אנזאגן צו דאונלאודן די Google Authenticator עפפ פון די Google Play Store. אויב איר האט עס נאכנישט געטון, זאלט איר יעצט דאונלאודן די עפפ.

[דרוקט דא פאר אנווייזונגען אויף וויאזוי צו דאונלאודן די Google Authenticator עפפ אויף אייער Android דעוויס.]

4. דרוקט די "Next" (ווייטער) קנעפל.

[דרוקט דא צו ווייטער גיין.]

**אויב איר וועלט אויס iPhone, וועט איר זען דאס:**




מען וועט אייך אנזאגן צו דאונלאודן די Google Authenticator עפּ פון די App Store. אויב איר האט עס נאכנישט געטון, זאלט איר יעצט דאונלאודן די עפּ.

[**דרוקט דא פאר אנווייזונגען אויף וויאזוי צו דאונלאודן די Google Authenticator עפּ אויף אייער Apple דעווייס.**]()

5. דרוקט די "Next" (ווייטער) קנעפל.

**אנווייזונגען פאר דאונלאוד'ען די Google Authenticator עפּ אויף אייער Android דעווייס.**

6. אויף אייער סמארטפאון אדער טאבלעט, גייט צו Google Play. מאכט זיכער אז אייער סמארטפאון אדער טאבלעט לויפט אויף די לעצטע ווערסיע פון די ארבעט סיסטעם (OS).

7. אין Google Play, זוכט די Google Authenticator עפּ.

8. איינמאל איר האט געטראפן די עפּ, דאונלאוד'ט עס און לייגט עס ארויף אויף אייער סמארטפאון אדער טאבלעט. *(באַמערקונג: עפּ קען אויסזען אביסל אנדערש ווענדנדיג זיך אין די ווערסיע פון די סעלפאון)*




[דרוקט דא צוריקצוגיין צו די הויפט בלאט]

WE ARE YOUR DOL

NEW YORK STATE OF OPPORTUNITY. Department of Labor

**אנווייזונגען פאר דאונלאודען די Google Authenticator עפּפּ אויף אן Apple דעווייס.**

9. אויף אייער סמארטפאון אדער טאבלעט, גייט צו די App Store. מאכט זיכער אז אייער סמארטפאון אדער טאבלעט לויפט אויף די לעצטע ווערסיע פון די ארבעט סיסטעם (OS).
10. אין די App Store, זוכט די Google Authenticator עפּפּ.
11. וועלט אויס די Google Authenticator מאבייל עפּפּ.
12. דאונלאדט און לייגט ארויף די עפּפּ.




13. איינמאל איר האט ארויפגעלייגט די Google Authenticator עפּפּ אויף אייער סמארטפאון אדער טאבלעט, גייט צו די עפּפּ אויף אייער דעווייס און עפנט עס.

[דרוקט דא צוריקצוגיין צו די הויפט בלאט](#)

**עפנט די Google Authenticator עפּ אויף אייער סמארטפאון אדער טאבלעט.**

14. אייער קאמפיוטער סקרין וועט יעצט צייגן א דיאלאג קעסטל מיט א פלינקע ענטפער (QR) קאאוד אין עס.

- אויב איר קענט נישט סקענ'ען די QR קאאוד, דרוקט די **?Can't Scan** (קען נישט סקענ'ען?) אויסוואל אונטער די QR קאאוד אויף אייער קאמפיוטער סקרין. דרוקט דא פאר אנווייזונגען איבער די Can't Scan (קען נישט סקענ'ען) אויסוואל.




15. גייט צו אייער Google Authenticator עפּ און עפנט עס.

**נוצן די Google Authenticator עפּ**

16.אויף אייער סמארטפאון, וועט איר זען אזא סקרין.




17.דרוקט **Get Started** (הייבט אן).

18. די סקרין וועט זיך עפענען. איר וועט באקומען די אויסוואל צו אדער **סקען א QR** קאוד אדער [**לייגט אריין אן אויפשטעל קנעפל**]. וועלט אויס איינס.




**אנווייזונגען אויף צו נוצן די Google Authenticator עפּ צו סקען'ען א QR קאוד:**

**אויף א Android דעווייס**

19. די עפּ וועט בעטן פאר ערלויבעניש צו נוצן אייער קאמערא. דרוקט **While Using the App**. (בשעת נוצן די עפּ).




20. גייט ווייטער צו סקען QR קאוד.

**אויף א Apple דעוויס**

21.איר וועט זען א מעסעדזש אז "*Authenticator*" *וויל האבן צוטריט צום קאמערא*. דרוקט **OK** (גוט).




22.גייט ווייטער צו [סקען'ען א QR קאוד](#).

**סקענ'ען א QR קאוד**

23. אייער סמארטפאון'ס סקרין וועט יעצט צייגן אליידיגע סקרין מיט א קעסטל אינמיטן.



24. לייגט אייער סמארטפאון אדער טאבלעט'ס קאמערא איבער די QR קאוד וואס איז אויף אייער קאמפיוטער סקרין (זע בילד אונטן), אזוי אז די QR קאוד אויף די קאמפיוטער סקרין קומט ארויף אויף די גרינע קעסטל אויף אייער סמארטפאון'ס סקרין. די עפפ וועט אוטאמאטיש סקענ'ען אייער קאוד אריין צו די סעלפאון אדער טאבלעט.




25. גייט ווייטער צו אריינלייגן אייער קאוד שריט.

**אנווייזונגען אויף וויאזוי צו ארייַנלייגן אן אויפשטעלן קאוד (Setup Key) (אויב איר קענט נישט סקענען א QR קאוד)**

26. אויב איר קענט נישט סקענען די קאוד, אין שריט 13 אויבן, לייגט אריין **Enter a setup key** (לייגט אריין אן אויפשטעל קאוד).

**עצה:** דרוקט דא פאר אנדערע מעגליכע סיבות פאר די גרייז, און וויאזוי עס צו פאררעכטן.

27. אויף אייער קאמפיוטער סקרין, וועט מען אייך ווייזן א געהיימע קאוד. דאס איז די קאוד וואס איר וועט ארייַנלייגן אין די Google Authenticator עפּ. מען וועט אייך ווייזן א סקרין וואס ענטהאלט אנווייזונגען צו ארייַנלייגן א אויפשטעל קאוד. באמערקונג: צו ווייטער גיין צו די שריט, מוזט איר ערשט אויפשטעלן די Okta Verify מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג מיטל.



28.אויף אייער Google Authenticator עפּ, לייגט אריין אייער NY.gov אקאונט נאמען, לייגט אריין אייער געהיימע קאוד, וועלט אויס צייט באזירט.




29.דרוקט די **Add** (צולייגן) קנעפּל.

30.גייט ווייטער צו [אריינלייגן אייער קאוד](#) שריט.

**ארייינלייגן אייער קאוד.**

31. איינמאל די עפפ האט געסקענ'ט די QR קאוד ערפאלגליך, וועט אייער סמארטפאון צייגן א סקרין מיט אייער יוזער נאמען און א זעקס-ציפערן קאוד. דאס איז די קאוד וואס איר וועט ארייינלייגן אין די קאמפיוטער אין די קומענדיגע שריט. די קאוד וועט זיך טוישן יעדע 30 סעקונדעס.



32. שרייבט אריין די קאוד פון אייער עפפ אין די Enter Code (לייגט אריין קאוד) פלאץ אויף אייער קאמפיוטער און דרוקט **Verify** (באשטעטיגט).



33. איר וועט צוריקגעשיקט ווערן צו די איינשרייבן סקרין וואו איר קענט ארייינלייגן נאך א מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג מיטל. באמערקט אז Google Authenticator איז יעצט אונטער די איינגעשריבענע פאקטארן קעפל. עס איז רעקאמענדירט אז איר זאלט אויפשטעלן מער ווי איין מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג מיטל.




34. ווען איר האט שוין אויפגעשטעלט אלע מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג מיטלען וואס איר ווילט, דרוקט די Finish (ענדיגן) קנעפל.

- עצה: אויב איר שטעלט אויף א מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג מיטל וואס נוצט א סעלפאון עפפ, דאונלאוד'ט די עפפ איידער איר דרוקט אויף די קנעפל עס אויפצושטעלן (Setup) אויף די " Set up multifactor authentication" (אויפשטעלן מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג) בראוזער בלאט. די צוויי מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג מיטלען וועלכע נוצן עפפס זענען Okta Verify און Google Authenticator.

**מעגליכע גרייז מעסעדזשעס און וויאזוי זיי צו לייזן.**

- גרייז מעסעדש: צייט איז אויסגעלאפן.
- לעזונג: קונה מוז זיך נאכאמאל איינשרייבן.




- גרייז מעסעדש: טאוקען איז נישט פאסיג.
- לעזונג:

1. קונה זאל איבערקוקן פונקטליכקייט.
2. קונה זאל "שיקן" קאוד נאכאמאל.



- גרייז מעסעדש: געפונען פראבלעם.
- לעזונג: קונה מוז אריינלייגן קאוד.



- גרייז מעסעדש: בארקאוד סקענ'ט נישט.
- לעזונג:
  1. פרובירט אנדערע מיטלען געגעבן.
     - "שיקט אקטיוואציע דורך SMS" - קונה קען אריינלייגן א טעלעפאן נומער.
     - "אויפשטעלן אליינס אן א שטופ" - קונה וועט זען א ציטוויליגע קאוד.
     - "שיקט אקטיוואציע אימעיל" - קונה וועט באקומען אן אימעיל צו די אימעיל אדרעס געניצט ווען געעפענט זייער אקאונט.




  2. "פארזיכערן קונה'ס דעווייס "ערלויבט" צוטריט צום קאמערא. (דרוקט דא פאר אנווייזונגען)

צוריק צו די הויפט בלאט